12 אלע האבן
אפגענייגט
זיי זענען צוזאמען אומנוצלעך,
געווארן. עס איז
נישט פאראן קיינער וואס טוט גוטס
ניין, נישט אפילו איינער. (תהילים,
14:1-3; קהלת 7:20)

13 זייער האלדז איז אן אפענער קבר
מיט זייערע צונג האבן זיי,
פארראטעריש

געהאנדלט,

שלאנגענגיפט איז אונטער זייערע ליפן.

14 ווענמעס מויל איז פוּל מיט קלָלה און בִּיטערקייט.

15 זייערע פיס איילן צו שָפֹּךְ דָם.

16 צעשטערונג און ליידן איז זענען אויף זייערע וועגן;

17 און דעם דֶרֶך שלום האבן זיי נישט דערקענט. (ישעיהו 8-59:7)

18 די יראת שמים איז נישט פאר זייערע אויגן.(תהילים 36:2)

19 אבער מיר ווייסן, אז וואס די תורה זאגט, איז עס גערעדט געווארן צו די,

וועלכע זענען מקבל געווען די תורה, כדי יעדער מויל זאל פארשטאפט ווערן און די גאנצע וועלט  זאל זיין שולדיק פאר השם;

20 דעריבער דורך די מעשים פון דער תורה קיינער ווערן ניט גערעכטפערטיקט פאר השם.  מחמת דורך דער תורה  קומט דער דעת החטא (דערקענטעניש פון זינד).

21 אבער אצינד איז אנטפלעקט געווארן א צדקות פון השם  אן דער תורה, וועגן וועלכער די תורה ווי אויך

די נביאים האבּן עֵדות געזאגט.

22 און עס איז א  גערעכטיקייט וואס קומט פון השם דורך אמונה אין רבי מלך המשיח יהושע צו אלע וואס גלויבּן. ווארים עס איז נישטאָ קיין חילוק.

23  ווארום אלע האבּן געזינדיקט און געפעלט אין דער הערלעכקייט פון השם;

24 אבער זיי ווערן אוּמזיסט גערעכטפערטיקט פון השם'ס חסד דורך דער אויסלייזונג